# אײב קאַהאַן און
# דער „פֿאָרווערטס“

## משה רישין

אברהם (אײב) קאַהאַן (1951-1861), וואָס האָט געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף די אַן ערך צוויי מיליאָן ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, אַרײַנגערעכנט זייערע יורשים, איז געווען דורכויס פֿאַרבונדן מיטן פֿאָרווערטס. מע קאָן זיך בכלל ניט פֿאָרשטעלן ווי ס'וואָלט אויסגעזען דאָס לעבן פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 20סטן יאָרהונדערט אָן אײב קאַהאַנען און דעם פֿאָרווערטס.

ער איז געווען צווישן די ערשטע אידעאַליסטישע רוסישע פּיאָנירן אין אַמעריקע. קיין ניו־יאָרק איז ער געקומען אין 1882, אין עלטער פֿון 21 יאָר, זשעדנע נאָך פֿרײַהייט, אַנטשלאָסן צו רעדן אין נאָמען פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, שרײַבן וועגן זיי און געשטאַלטיקן זייער לעבן.

די צוויי יאָרצענדליקער לער אין אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער האָבן אים צוגעגרייט צו זײַן דער אַרויסגעבער פֿון דער גרעסטער ייִדישער טאָגצײַטונג אויף דער וועלט, און דער סאַמע פֿאַרשפּרייטסטער סאָציאַליסטישער פֿרעמדשפּראַכיקער פּובליקאַציע אין אַמעריקע.

אײב קאַהאַן איז ניט בלויז געווען אַן אויסגעצייכנטער קענער פֿון ייִדיש און פֿון רוסיש, נײַערט אויך געוואָרן דער אמתדיקער אַמעריקאַנער, זיך מיט אימפּעט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּילזײַטיק קולטורעלן נײַעם מענטש.

קאַהאַן האָט אין אַ פֿולער מאָס מיטגעלעבט מיט זײַט אימיגראַנטישן דור, ווי אַן אַרבעטער, אַ לעקטאָר, אַן ענגלישער לערער, אַ מנהיג, אַ יורי־סטודענט און אַ סאָציאַליסטישער רעדנער. אָבער דער קאָרעס־פּאָנדענט פֿון רוסקי יעוורעי האָט פֿון אָנהייב אָן געהאַט אויך ליטעראַרישע אַמביציעס.

נאָך זײַן ערשטן יאָר אין אַמעריקע, האָט ער אַרײַנגעשיקט אַן אַרטיקל אין פּוליצערס NEW YORK WORLD אונטערן טיטל „די געקריינטע פֿאַרברעכערס“, ווו ר'איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער צאַרישער אויטאָ־קראַטיע. און דער מאמר איז טאַקע באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף דער ערשטער זײַט.

נאָך עטלעכע יאָר איז ער שוין געווען אַ מיטאַרבעטער אין WORKMEN'S ADVOCATE, SUN, PRESS און STAR, און האָט נאָך אַנאַנד אַרויסגעגעבן די נײַע צײַט, די אַרבײַטער צײַטונג און די צוקונפֿט — די ערשטע סאָציאַליסטישע פּאָפּולערע פּעריאָדישע שריפֿטן אויף ייִדיש אין אַמעריקע.

אונטער די פּסעוודאָנימען SOCIUS, „דוד בערנשטיין“ און „דער פּראָלעטאַרישער מגיד“, האָט ער געשריבן די סאַמע פּאָפּולערסטע רובריק, „די סדרה“, אַחוץ אָנצאָליקע קאָלומנעס אונטער זײַן אייגענעם נאָמען, דורך וועלכע ר'האָט זיך קונה־שם געווען ווי דער חריפֿות־דיקסטער און אויטענטישסטער פּיאָניר פֿון מאָדערנער ייִדישער זשורנאַליסטיק.

אברהם קאַהאַן האָט אויך געשטרעבט צו ווערן אַן אָריגינעלער אַמעריקאַנער שרײַבער, און דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, מעגלעך געווען בלויז אויף ענגליש. אין 1895 האָט ער אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע צוויי קורצע דערציילונגען A PROVIDENTIAL MATCH (אַ זיווג מן השמים) און A SWEATSHOP ROMANCE (אַ שוויצשאַפּ ראָמאַן), און אין 1896

אברהם קאַהאַן, רעדאַקטאָר פֿון "פֿאָרווערטס" אין משך פֿון 50 יאָר



YEKL: A TALE OF THE NEW YORK GHETTO — (יעקל: אַ מעשה פֿון ניו־יאָרקער געטאָ), די ערשטע אמתדיקע אַמעריקאַנישע אימיגראַנטן־נאָוועלע.

WILLIAM DEAN HOWELLS, דער חשובסטער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער, האָט קאַהאַנען אויסגעלויבט אין אַ סענזאַציאָנעלן מאמר אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פֿון זונטיקדיקן NEW YORK WORLD, ווי דעם אָנזאָגער פֿון אַ נײַער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און אַ נײַעם שטערן פֿון רעאַליזם. ער האָט זיך טאַקע פֿאַרמאָסטן צו זײַן דער ערשטער וויכטיקער אַמעריקאַנער ייִדישער שרײַבער.

אין די ווײַטערדיקע עטלעכע יאָר, וואָס זענען כּולל אַן אַכט־חדשימדיקע רעדאַקטאָרשאַפֿט אין דעם נאָר וואָס עטאַבלירטן פֿאָרווערטס, איז קאַהאַן שוין באַרימט געוואָרן ווי דער מחבר פֿון דערציילונגען אין אַמעריקאַנישע זשורנאַלן, ווי אַן אויטאָריטעט אין רוסישער ליטעראַטור און רוסישער פּאָליטיק, און ווי אַ מומחה אין ייִדישע ענינים. THE IMPORTED BRIDEGROOM (דער אימפּאָרטירטער חתן) דערשײַנט אין 1898; THE WHITE TERROR AND THE RED (דער ווײַסער טעראָר און דער רויטער) — אין 1905. זײַן מײַסטערווערק THE RISE OF DAVID LEVINSKY (דער אויפֿשטײַג פֿון דוד לעווינסקי) איז אַרויס אין 1917.

אין די כּמעט פֿינף יאָר, פֿון 1897 ביז 1902, האָט קאַהאַן זיך קונה־שם געווען אויך ווי אַן אָריגינעלער אַמעריקאַנישער זשורנאַליסט אין דרײַ פֿון די באַדײַטנדיקסטע ניו־יאָרקער צײַטונגען: EVENING POST, SUN און לינקאָלן סטעפֿענס ADVERTISER.

ווי אַ פֿולער מיטגליד אין שטאַב פֿון ADVERTISER, האָט ער באַקומען אַ פֿרײַע האַנט צו פֿאָרשן און שרײַבן וועגן דעם פֿיל־עטנישן כאַראַקטער פֿון ניו־יאָרק, וואָס ער האָט געזען "מיט אַ פֿריש אויג". JACOB RIIS, דער באַרימטער מחבר פֿון בוך HOW THE OTHER HALF LIVES (ווי אַזוי לעבט די אַנדערע העלפֿט), האָט קאַהאַנען אויך סטימולירט צו ווערן אַ פּאָליצײַ־רעפּאָרטער. ער האָט געשריבן הונדערטער קאָלומנעס, — רעפּאָרטאַזשן וועגן מאָרדפּראָצעסן און שׂריפֿות, גענומען אינטערוויוען בײַ BUFFALO BILL, BOSS CROKER און פּרעזידענט MCKINLEY, און געבראַכט אויטענטישע בילדער פֿון אימיגראַנטן־לעבן. אין קיין שום אַנדערער צײַטונג פֿון דער ענגליש־רעדנדיקער וועלט האָבן ייִדן ניט געהאַט אַזאַ אָפּקלאַנג ווי, אַ דאַנק קאַהאַנען, אויף די בלעטער פֿון ADVERTISER, דורך זײַן לירישער און בר־סמכאדיקער פּען.

אין 1902, ווען מ'האָט אים ווידער פֿאַרבעטן צו רעדאַקטירן דעם פֿאָרווערטס, איז ער געווען דער סאַמע אויפֿטועריסטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, וואָס די ייִדישע אימיגראַציע האָט אַרויסגעגעבן, איר אָנערקענטסטער שרײַבערישער פֿאָרשטייער, מיט וועמען אַלע האָבן זיך געדאַרפֿט רעכענען.

קאַהאַן האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויסצוואָרצלען פֿון דער עטאַבלירטער סאָציאַליסטישער ייִדישער צײַטונג איר סעקטאַנטישקייט, די פּאָלעמיקן, דעם אָבסקוראַנטיזם און דעם פֿאַרגליווערטן ייִדיש, און ער האָט טאַקע אין משך פֿון עטלעכע יאָר פֿאַרוואַנדלט דעם פֿאָרווערטס אין אַ פֿאָרויסגייער פֿון דער ייִדישער פּרעסע.

אין 1907 איז דער טיראַזש געשטיגן פֿון 6.500 צו 80.000 עקזעמפּלאַרן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער דערגרייכט צו 200.000 עקזעמפּלאַרן און אין די צוואַנציקער יאָרן איז דער פֿאָרווערטס געוואָרן איינע פֿון די גרעסטע טאָגצײַטונגען אויף דער וועלט.

באַלד בײַם אָנהייב האָט קאַהאַן דערקלערט אין אַן עדיטאָריאַל, אַז דער נײַער פֿאָרווערטס וועט ניט זײַן מער קיין "דורכויס סאָציאַליסטישע טריבונע", נײַערט "אַ סאָציאַליסטישע צײַטונג פֿאַר דעם גאַנצן ייִדיש־רעדנדיקן עולם", פֿרויען און מענער, יונג און אַלט, "גרינע" און "גרויע", פֿרומע ייִדן מיט באָרד־און־פּאות און גלוחים אַטעיִסטן.

אין די יאָרן 1902-1906 זענען די לייענערס פֿון פֿאָרווערטס פֿאַרבעטן געוואָרן צו זײַן אַקטיווע אָנטייל־נעמערס אין די אַן ערך צוויי טוץ רובריקן, וואָס קאַהאַן האָט נאָך אַנאַנד אויסגעפּרוווט: שמועסן וועגן די מעלות פֿון אייראָפּע און פֿון אַמעריקע, וועגן שבת, וועגן די מידות פֿון מענער און ווײַבער, שמועסן אויף דער טעמע ווי אַזוי אַן אַרבעטער־פֿרוי קאָן אויפֿהיטן איר שאַרם, ווער ס'איז ערלעכער — מענער צי פֿרויען און צי איז שטרענגער די מאָראַל לגבי פֿרויען ווי לגבי מענער. אָט די טעמעס און אַ סך אַנדערע, זאָגן עדות ווי דער רעדאַקטאָר האָט זיך באַמיט אַרײַנצוציִען די לייענערס ווי אינטימע מיטאַרבעטערס פֿון דער צײַטונג.

ווען דער פֿאָרווערטס האָט אין 1905 געבעטן בײַ די לייענערס, זיי זאָלן פֿאָרלייגן אַ טיטל פֿאַר אַ נײַעם ייִדישן וואָכנבלאַט, זענען אָנגעקומען אין רעדאַקציע ניט ווייניקער ווי צוויי טויזנט סוגעסטיעס, צווישן זיי אַזעלכע ווי דער עץ־הדעת, דער ים־סוף, פּײַערזײַלן — וואָס זאָגן עדות ווי גרייט מ'איז געווען אָנצונעמען דעם נײַעם מעטאָד פֿונעם פֿאָרווערטס.

## "זײַן בינטלדיקע מאַיעסטעט"

שפּעטער מיט אַ יאָר האָט קאַהאַן אײַנגעפֿירט אַ קאָלומנע, וואָס איז געוואָרן די פּאָפּולערסטע רובריק אין דער ייִדישער פּרעסע פֿון אַלע צײַטן, און איז אַרײַן ווי אַ ווערטל אין דער געשיכטע פֿון אַמעריקאַנער זשורנאַליסטיק.

דאָס בוך פֿון לעבן — האָט קאַהאַן דערקלערט זײַנע לייענערס — איז דאָס אמתדיקע בוך. מיר, שרײַבערס, קאָנען עס ניט עפֿענען פֿאַר אײַך; איר דאַרפֿט עס טאָן אַליין. ברענגט אונדז אײַערע פֿאַרבאָרגנסטע סודות, סײַ די וואָס רופֿן בײַ אײַך אַרויס געלעכטער, סײַ די וואָס רופֿן בײַ אײַך אַרויס געוויין. האָט ניט קיין מורא. אויב איר ווילט ניט, וועלן מיר ניט אַרויסגעבן אײַערע נעמען. אָבער העלפֿט אונדז עפֿענען וואָס ברייטער דאָס בוך, כּדי מיר זאָלן עס קאָנען לייענען אין איינעם.

די רובריק אַ בינטל בריוו איז געווען אַן אָפּרוף אויף דער צעטומלטקייט פֿון אַן עולם, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זײַן אײַנגעפֿונדעוועטן שטייגער און האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַנעמען וואָס עס טוט זיך מיט אים. די פֿרעמדע מאָדערנע וועלט האָט גורם געווען שווערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די אימיגראַנטן האָבן זיך ניט געקאָנט אַן עצה געבן, פּראָבלעמען וועגן וועלכע זיי האָבן קיין מאָל ניט געטראַכט. די קאָלומנע אַ בינטל בריוו האָט זיי געהאָלפֿן עפֿענען אַ פֿענצטער פֿון זייער נשמה און אָטעמען פֿרײַער, געהאָלפֿן אַרײַנקוקן אין

זייער אייגענעם מענטשלעכן מהות אויף אַ רעליגיעז־וועלטלעכן אופֿן, ווי קיין שום רובריק אין דער צײַטונגוועלט האָט עס ביז דעמאָלט ניט באַוויזן צו טאָן.

קיין שום רובריק אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער אַמעריקאַנער פּרעסע האָט מען ניט אַזוי געטרײַ געלייענט און אַזוי אָפֿט אַראָפּגעריסן ווי דאָס בינטל בריוו און זײַן רעדאַקטאָר. וואָך פֿאַר וואָך, צוויי יאָרצענדליקער נאָך אַנאַנד, האָט דאָס ייִדישע הומאָריסטישע וואָכנבלאַט דער גרויסער קונדס געריסן שטיקער פֿון "זײַן בינטלדיקער מאַיעסטעט", דעם רעדאַקטאָר פֿון פֿאָרווערטס, און סײַ די טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסע, סײַ די ראַדיקאַלע האָבן געשריִען גוואַלד, אַז די דאָזיקע רובריק פּאַסט זיך ניט פֿאַר אַ ייִדישער צײַטונג.

אין זײַנע פּראָנטזײַטן האָט דער פֿאָרווערטס טאַקע געבראַכט סענזאַציאָנעלע טיטלען, ווי אין דער פּרעסע פֿון הערסט (HEARST),וואָס האָבן טראָמפּייטערט וועגן מאָרד, גוואַלד און בלוטיקע מעשׂים, פֿאַרפֿלאָכטן מיט מאַרקסיסטישן פּירוש און פֿאָלקס־ראָמאַנטיק, אָבער די אינעווייניקסטע זײַטן האָט ער אָנגעפֿילט מיט הויך־ליטעראַרישן אימפּעט. ער האָט געדרוקט שאַפֿונגען פֿון זלמן ליבין, שלום אַש און אברהם רייזען, וואָס האָבן דערציילט וועגן מענטשן ווי די לייענערס פֿון פֿאָרווערטס גופֿא, מענטשן וואָס האָבן געזוכט אַ וועג אין דער מאָדערנער וועלט.

לכתּחילה האָט מען אַזעלכע שרײַבערס מער אָפּגעגעבן כּבֿוד ווי געלייענט, וואָרעם די אימיגראַנטן זענען ניט געווען גענוג ראַפֿינירט, כּדי זיך אַליין צו דערקענען דורך די ניכטערע ברילן פֿון י.ל. פּרצעס תּלמידים. אָבער אייב קאַהאַן האָט זיך דורכויס געסטאַרעט זיי זאָלן עס טאָן. מער ווי יעדער אַנדערער צײַטונג־רעדאַקטאָר אין דער מאָדערנער וועלט, האָט קאַהאַן געשטרעבט צו גרויסער ליטעראַטור, פֿון טאָלסטאָי און טשעכאָוו צו יצחק באַשעוויס, ווײַל ער האָט געזען אין ליטעראַטור אַ פּריזמע, דורך וועלכער מע קאָן פֿאַרשטיין דאָס לעבן.

אין משך פֿון זײַנע ערשטע צוואַנציק יאָר, האָט דער פֿאָרווערטס געאַרבעט דער עיקר פֿון ניו־יאָרק און פֿילאַדעלפֿיע. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אָבער געוואָרן אַ באמת נאַציאָנאַלע צײַטונג, מיט אָנגעשטעלטע און לאָקאַלע עדיציעס אין איטלעכן ייִדישן צענטער איבערן לאַנד, פֿון באָסטאָן ביז לאָס־אַנדזשעלעס.

אַגבֿ האָט דער פֿאָרווערטס אָפּגעגעבן פּערציק פּראָצענט פֿון זײַנע הכנסות, אויסצוהאַלטן אַ גאַנצע ריי געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע אַרבעטער־אינסטיטוציעס.

אין די שפּעדיקע צוואַנציקער יאָרן, ווען די צײַטונג איז דערגאַנגען צו איר פֿולער מאַטוריטעט און האָט שוין געהאַט אַן אינטערנאַציאָנאַלן שם, האָט זי זיך טיילווײַז צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פֿון די זונטיק־אויסגאַבעס פֿון THE NEW YORK TIMES און NEW YORK WORLD, מיט אַן אָפּטיילונג פֿון פֿאַרכאַפּנדיקע אילוסטראַציעס, אַ רײַכער בײַלאַגע און — אַ צײַט־לאַנג — אַ פֿיר־זײַטיקע אָפּטיילונג אויף ענגליש. זי האָט אויך געדרוקט באַריכטן פֿון קאָרעספּאָנדענטן איבער דער גאַנצער ייִדיש־רעדנדיקער וועלט, אַרײַנגערעכנט ארץ־ישׂראל, און אין דעם האָט זי קיין גלײַכן ניט געהאַט.

## פֿון פֿײַנדשאַפֿט צו פֿרײַנדשאַפֿט

דער פֿאָרווערטס איז אין זײַנע פֿריִע יאָרן געווען בפּירוש אַנטיציוניסטיש, הגם קאַהאַן גופֿא האָט אָפֿט מאָל אויסגעדריקט זײַן פּערזענלעכע סימפּאַטיע פֿאַר דער ציוניסטישער זאַך. אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז אָבער פֿאָרגעקומען אַ שינוי. נאָך דעם ווי אייב קאַהאַן איז אין 1925 געווען צו גאַסט אין ארץ־ישׂראל, פֿאַרבעטן פֿון חיים ווייצמאַן, האָט דער פֿאָרווערטס גערופֿן צו שטיצן די ייִדישע ווידעראויפֿלעבונג, צו העלפֿן בן־גוריונען, דער הסתּדרות און דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. קאַהאַנס אַרטיקלען פֿון ארץ־ישׂראל, וואָס מ׳האָט זיי איבערגעזעצט אויף ענגליש סײַ פֿאַרן פֿאָרווערטס סײַ פֿאַר דער אַלגעמיינער פּרעסע, זענען געווען אַ סענזאַציע. קיין שום סעריע פֿון רעפּאָרטאַזשן אין דער

דער אַלטער בנין פֿון "פֿאָרווערטס" אין ניו־יאָרק



געשיכטע פון ייִדישער זשורנאַליסטיק איז ניט געווען אַזוי ווײַט פֿאַרשפּרייט, אַזוי פּראַכטיק אילוסטרירט און אַזוי בולט. צען וואָכן נאָך אַנאַנד האָט אַרויסגעשריִען די געשיכטע פון ארץ־ישראל מיט טיטלען פון קידוש־לבנה־אותיות איבער אַכט קאָלומנעס, און צום סוף, ווען קאַהאַן האָט דערקלערט פאַר אַ גרויסן עולם, אַז "ציוניזם איז אַ ייִדישער ענין בעת סאָציאַליזם איז אַן ענין פון דער גאָרער וועלט, דעריבער איז קיין סתירה ניט צווישן ביידע ענינים" — איז אַרויס אַ ספּעציעלע עדיציע פונעם פֿאָרווערטס אין 220.000 עקזעמפּלאַרן. קאַהאַן האָט זיך מודה געווען: ארץ־ישראל איז אַ חלק פון מײַן האַרץ. און פון דעמאָלט אָן האָט דער פֿאָרווערטס געשטיצט די ציוניסטישע טוונג אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין מדינת־ישראל.

ווי אַ גרויסער טייל ייִדן, האָט קאַהאַן באַגריסט די רוסישע רעוואָלוציע און די באָלשעוויקעס, ווי אויסלייזערס פון זייער פאָלק אין דער צײַט ווען ס׳האָט געבושעוועט דער בירגערקריג צווישן לינקע און רעכטע, בעת די רעכטע זענען דורכויס געווען אַנטיסעמיטן. אַרום 1922 איז אָבער געוואָרן קלאָר, אַז די שפּירעוודיקייט פון די רוסישע אימיגראַנטן פאַרן חלום פון דער סאָוועטישער אוטאָפּיע אין אַ קסענאָפאָבישער און אַנטיסעמיטישער וועלט איז ניט בלויז אילוזאָריש, נאָר אויך שעדלעך פאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. דער לעניניזם איז ניט מער געווען קיין צײַטווײַליק מיטל זיך צו ספּראַווען מיט אַנאַרכיע, בירגערקריג און פּאָגראָמען. ער איז געוואָרן אַן אַכזריותדיקע דיקטאַטור, מיט וועלכער קאַהאַן האָט ניט מער געקאָנט שלום מאַכן. איז פון דעמאָלט אָן דער פֿאָרווערטס געוואָרן דער אָנפירער פון אָפּאָזיציע קעגן רוסיש־קאָמוניסטישער אויטאָקראַטיע. ער האָט געשווינד איבערגעגעבן ידיעות וועגן די רדיפות אין ראַטן־פאַרבאַנד, וועגן ליקווידירן די בירגערלעכע רעכט פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע כוחות, וועגן הונגער, פאַרשיקונג, שחיטות און עקזעקוציעס.

אייב קאַהאַן האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע השפעה אויפן דור פון ייִדישע אימיגראַנטן, פאַר וועלכע ער איז געווען דער אמתדיקער פאָלקסהעלד. אַפילו די קינדער פון די אימיגראַנטן, וואָס זענען זיך שוין באַגאַנגען אָנעם פֿאָרווערטס און האָבן שוין כמעט ניט געלייענט קיין ייִדיש, זענען געווען שטאָלץ מיט קאַהאַנען און אים באַטראַכט ווי אַ שלמותדיקע מאָראַליש־פּאָליטישע געשטאַלט, וואָס האָט אַריבערגעלייגט אַ בריק צווישן דורות.

מיט זײַן גרויסער ענערגיע, צאַפּלענדיקער שפּירעוודיקייט און אינטעלעקטועלער פאַרשטענדעניש האָט קאַהאַן בעסער דערזען ווי אַלע זײַנע מיטצײַטלערס די גרעסערע און קלענערע דילעמעס וואָס האָבן געמאַטערט זײַנע לייענערס און בכלל די גאַנצע געזעלשאַפט. ער איז געווען אַנגאַזשירט און דערבײַ לײַדנשאַפטלעך; ר׳האָט געפילט מיטן מוח און געטראַכט מיטן האַרץ און דעריבער האָט ער טאַקע פאַרקערפּערט דעם אמתדיקן מנהיג, אין וועלכן דער ייִדישער אימי־גראַנטישער ציבור האָט זיך גענייטיקט. דאָס דערקלערט מער ווי אַלץ זײַן באַזונדער אָרט אין דער אַמעריקאַנישער און ייִדישער געשיכטע.

אין רעדאַקציע פון "פֿאָרווערטס". אילוסטראַציע פון עפּשטיין



## אייב קאַהאַן און די ייִדישע טראַדיציע

ווי אַ יונגער רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד, האָט קאַהאַן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות צו דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער וועלט פון וועלכער ער און זײַן אימיגראַנטישער דור איז אַרויסגעקומען. ער האָט געהאַט דעם זעלביקן רעליגיעזן הינטערגרונט ווי זײַן דור און די זעלביקע שפּירעוודיקייט, אָבער ער האָט זיך שוין אויסגעאָרמירט אין דער מאָדערנער וועלט. און דווקא די גרויסע שפּאַנונג צווישן דער אַלטער און נײַער וועלט אין קאַהאַנס פּערזענלעכקייט גופא, האָט אים צוגעגרייט צו שפּילן אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע ראָלע אין לעבן פון ייִדישן אימיגראַנטישן ציבור. אַנדערע זענען מסתּמא געווען פֿעיִקער פון אים אויף זייער אופן, אָבער בלויז ער האָט פאַרמאָגט אין זיך די טיפערע ווערטן פון דער אַלטער ייִדישער קולטור, הגם ער האָט געלעבט אויף אַן אַנדערן שטייגער, און איז געווען מסוגל אַרויסצופירן זײַנע לייענערס אין דער מאָדערנער וועלט.

קאַהאַן איז געווען דער איינציקער צײַטונג־רעדאַקטאָר אין דער ייִדיש־רעדנדיקער וועלט, און טאַקע אין דער גאַנצער אַמעריקאַנישער אימיגראַנטן־וועלט, וואָס האָט באַקומען אַ נאַציאָנאַלן שם. אַוודאי איז ניט געווען קיין יקרות אויף פֿעיִקע, טאַלאַנטירטע זשורנאַליסטן, אָבער זיי האָבן פשוט ניט געהאַט קאַהאַנס אויטאָריטעט און זײַן צוטריט צו דער ברייטער אַמעריקאַנער וועלט.

הײַנט קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלן ווי גרינג ס׳איז געווען פאַר די אַמעריקאַנער אין יענער צײַט, אָן די מאַסן־קאָמוניקאַציע־מיטלען, צו פאַרזען אַ רעדאַקטאָר פון אַ פרעמד־שפּראַכיקער צײַטונג, וואָס האָט געשריבן פאַר אַן עולם, אַן אָפּגערוקטן פון ענגליש־רעדנדיקן הויפּטשטראָם. הײַנט איז ניטאָ קיין מניעה פאַר אַ פאָרשטייער פון אַן עטנישער גרופּע זיך צו ווענדן צו אַ ברייטן עולם. אין שפּעטן 19טן יאָרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פון 20סטן — איז דאָס געווען אַנדערש לחלוטין.

מע דאַרף נאָך מוסיף זײַן, אַז קאַהאַנס פאָרווערטס איז ניט אויסן געווען צו מאַכן געלט. ס׳רוב אַרויסגעבערס פון ייִדישע צײַטונגען האָבן זיך געסטאַרעט צו דערגרייכן אַ העכערן טיראַזש און קענטיקע הכנסות, כּדי באַלד דערנאָך צו פאַרקויפן דעם ״ביזנעס״ מיט רווח. אַזעלכע צײַטונגען האָבן ניט געוווּנען דעם צוטרוי פונעם לייענער.

דעם פאָרווערטס האָט אַרויסגעגעבן די פאָרווערטס־אַסאָציאַציע — (FORWARD ASSOCIATION) און ער האָט רעפּרעזענטירט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אירע סאָציאַלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. אַזאַ צײַטונג האָט באמת ניט געהאַט קיין גלײַכן צו זיך אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנישער און ייִדישער זשורנאַליסטיק.

## דאָס לעצטע יאָר

אייב קאַהאַן האָט אַרויסגעגעבן דעם פאָרווערטס אין משך פון דער גאַנצער ערשטער העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט, ביז עטלעכע יאָר פאַר זײַן טויט (1951), אין עלטער פון 91 יאָר. צו זײַן נײַנציקסטן געבוירן־טאָג האָבן אים אָפּגעגעבן כּבוד צום לעצטן מאָל אַן ערך טויזנט פינף הונדערט ניו־יאָרקער פאַרערערס פון אַלע ריכטונגען.

שפּעטער מיט אַ יאָר, אויף זײַן לוויה, איז געקומען, ווי אַ פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, דער אַרבעט־מיניסטער מאָריס טאָבין. דער פאָרשטייער פון מדינת־ישראל אויף דער לוויה איז געווען דער דעמאָלטיקער אַמבאַסאַדאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן — אבא אבן.

★

דער פאָרווערטס איז געשאַפן געוואָרן אַ קורצע צײַט פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און דער גרינדונג פונעם בונד אין ווילנע. דעריבער ווערט ער דורכויס אידענטיפיצירט מיט דער תקופה פון גרויסע פאַרוואַנדלונגען אין ייִדישן לעבן: פון איין זײַט דער חורבן פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, פון דער צווייטער זײַט, דער אויפקום פון מדינת־ישראל און די אַנטוויקלונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן פונעם גרעסטן ייִדישן צענטער אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע.

פון אָנהייב ביזן סוף האָטן אייב קאַהאַן און דער פאָרווערטס אָפּגעשפּיגלט און באַגלייט די דאָזיקע מוראדיקע תקופה.